שאלה זאת • כי האהבה על שלשה פנים • אחד מהם אהבה שנקלה בעיני האוהב אבדת ממונו בעבורה לא אבדת גופו ונפשו • ומהם אהבה שנקלה בעיני האוהב אבדת חלק מגופו עם אבדת ממונו כשהוא מקוה שתשאר נפשו בחיים בעבורה • והפנים השלישים אהבה שנקלה בעבורה אבדת הממונות והגופות והנפשות • וכבר מצאנו אברהם אבינו עליו השלום הראה אהבתו באלהים בכל הפנים • התנדבו בממונו בגופו ובנפשו • בממונו שהיה מוציאו על העוברים והשבים כדי להודיעם את הבורא • ומה שאמר למלך סדום (בראשית יד) אם מחוט ועד שרוך נעל ראיה על נדיבות נפשו ושהממון נקל בעיניו • ובגופו בברית מילה שלא נתעכב לקיים אותה בנפשו ובזולתו בשמחה • אבל התנדבו באבדן נפשו באהבת האלהים מה שהראה בענין יצחק מן



בעבורה • בעבור האהבה : מה שהראה בענין יצחק כו' • והבן נתת מהאב כמ"ש בפתיחה שער ג' ע"ש אם כן השוב כאילו מקר א"ע למיתה • הר"ל :

שאלה כי האהבה על שלשה פנים אז די ליבשאפט קאן גישעהן אין דרייא ערלייא אופנים אחד מהם איינש פון זייא איז אהבה שנקלה בעיני האוהב אזו אליבשאפט וואש איז גרינג בייא דעם ליבהאביר אבדת ממונו בעבורה ער זאל זיין געלט פאר לירן פון וועגן דעם ליבשאפט לא אבידת גופו ונפשו אבר ניט עש זאל פאר לארן ווערן זיין גוף אונ זיין לייב פון דעם ליבשאפט וועגין דאש וויל ער ניט ומהם אהבה אונ פון זייא איז פאר האנדין זעלכע ליבשאפט שנקלה בעיני האוהב אבידת חלק מגופו וואש איז גרינג ביי דעם ליב האבירס אויגן אז עש זאל פאר לארין ווערין איין חלק פון זיין גוף דהיינו איין האנט אדר איין פוס עם אבידת ממונו אונ זיין געלט זאל אויך פאר לארין ווערין כשהוא מקוה שתשאר נפשו בחיים אז ער האפט נאר אז ער וועט בלייבן לעבן חאטשי איין חלק פון זיין גוף אונ זיין געלט וועט פאר לארין ווערין איז דאש בייא אים גאר גרינג מפקיר צו זיין דאש געלט אונ דעם חלק פון זיין גוף בעבורה פון דעם ליבשאפט וועגין והפנים השלישים אונ דער דריטר אופן איז אהבה אזוא אליבשאפט שנקלה בעבורה וכו' וואש איז אים גרינג עש זאל פאר לארן ווערן פון וועגין דעם ליבשאפט דאש געלט אונ דער גוף אונ דאש לעבין וכבר מצאנו אברהם אבינו ע"ה הראה אהבתו באלהים בכל הפנים אונ מיר גפינן אז אברהם אבינו עליו השלום האט זיין ליבשאפט צו גאט גיוויזן אין אלירלייא אופנים התנדבו דאש ער האט זיך בוויליגט פון גאטש ליבשאפט וועגן מיט זיין געלט אונ זיין גוף אונ זיין לייב בממונו מיט זיין געלט האט ער זיך בוויליגט שהיה מוציאו על העוברים והשבים ווארום ער האט עש אויש גיגעבין צו שפייזן די ארחים כדי להודיעם את הבורא כדי ער זאל זיי מאכן וויסן וואש דער בשעפר איז ומה שאמר למלך סדום אונ וואש ער האט גיזאגט צום מלך סדום אם מחוט ועד שרוך נעל איך שווער אויב איך בגער פון דיר פון איין פאדים ביז איין רימען פון איין שוך ראיה על נדיבות נפשו דאש איז איין ראיה אז ער איז מילד גיוועזן ושהממון נקל בעיניו אונ אז דאש געלט איז גרינג גיאכט גיוועזן אין זיינע אויגן ובגופו אונ אז ער האט גאט ליב גיהאט מיט זיין גוף דאש זעהען מיר בברית מילה פון דעם וואש ער האט גיהאלטן דעם ברית מילה שלא נתעכב לקיים אותה וואש ער האט זיך ניט גזאמט די מצוה מקיים צו זיין בנפשו ובזולתו אין זיך זעלבשט אונ אין אנאנדרן דאש איז זיין זון אונ די איברינגע לייט וואש ער האט מל גיוועזן אונ האט עש גיטאן בשמחה מיט שמחה אבל התנדבו באבדו נפשו באהבת האלהים אבר דש וואש ער האט זיך באוויליגט אין דעם אז זיין לעבן זאל פאר לארן ווערן פון וועגן די ליבשאפט פון גאט דאש זעהט מען פון דעם וואש מה שהראה ער האט גיוויזן בענין יצחק בייא דעם ענין וויא ער האט גיבראכט זיין זון יצחק אויף דער עקידה זעהט מען מן המהירות והחריצות פון דעם איילין אונ גישווינדיקייט וואש ער

איז

המהירות והחריצות · והוא הורה על אהבתו וזכה באלהים ולבבו הנאמן בעבודתו · והיא המדרגה העליונה ממדרגות האהבה באלהים · וכמוה לא תתכן מכל אדם לפי שהיא למעלה מן היכולת הבשרית מפני שהטבע הפכה וכנגדה · וכאשר תמצא ביחידים מבני אדם איננה כי אם באומץ הבורא ועזרתו אותם מגבור היצר עליהם · שכל השתדלותם בעבודתו וקיומם מצות תורתו בנפש נאמנה ולבב שלם ומצפון זך כמו נביאי האלהים ובחירתו וסגולתו · ואין ביכולת כל בשר לסבול מה שזכרנו לאהבת הבורא מפני שהטבע והיצר כנגדו · אבל השני פנים הם ביכולת רוב המדברים בהשתדלם בהקדמות אשר הקדמנו בשער הזה · ומה שמורה כי השני פנים האלה ראיה על האהבה השלימה באלהים · מה שאמר השטן (איוב א) החנם ירא איוב אלהים

איז דרינן גיוועזן והוא הורה על אהבתו הזכה באלהים אונ דאש האט ער גיוויזן אויף זיין לויטער ליבשאפט וואש ער האט גהאט צו גאט ולבבו הנאמן בעבודתו אונ וויא זיין הארץ איז גטרייא גוועזן אין זיין ליבשאפט והוא המדריגה העליונה אונ דאש איז דיא העכשטע מעלה ממדריגות האהבה באלהים פון דיא מעלות פון דיא ליבשאפט פון גאט וכמוה לא תתכן מכל אדם אונ אזו אגלייכין איז ניט אן גבריים פון קיין שום מענטשן כלומר קיין אנדרר מענטש קאן אזעלכש ניט טאן אזו וויא אברהם אבינו האט גטאן לפי שהיא למעלה מן היכולת הבשרית ווייל דאש איז איבר די מאכט פון אבשעפניש מפני שהטבע הפכה וכנגדה ווייל דיא טבע איז גאר פאר קערט אונ אנטקעגן דעם דרום איז דאש זייער שווער צו האלטין. וכאשר תמצא ביחידים מבני אדם אונ אז עש טרעפט זיך אמאל אונ עש גפינט זיך ביי בזונדרי לייט וואש זייא זיינען זיך מוסר נפש פון גאטש וועגן איננה כי אם באומץ הבורא איז דאש אנדרש ניט נאר דורך די קראפט פון דעם באשעפר ועזרתו אותם אונ וואש ער העלפט זייא מגבור היצר עליהם דער צו פון צו שטארקין דעם יצר הרע איבר זייא כלומר ער העלפט זייא אז דער יצר הרע זאל זיך ניט שטארקן איבער זייא אונ פאר וואש העלפט ער זיי דר צו שכל השתדלותם בעבודתו ווייל נאר זייער פלייסונג איז אין זיין דינשט וקיומם מצות תורתו אונ זייער האלטן די מצות פון זיין תורה איז בנפש נאמנה מיט אגיטרייען ווילן ולבב שלם ומצפון זך אונ מיטן גאנצן הארץ אונ ריינע גידאנקן כמו נביאי האלהים ובחירתו וסגולתו גלייך וויא נביאים פון גאט אונ זיינע אויש דער וויילטע אונ גליבטע דרום העלפט זייא נאך דער באשעפר זייא זאלן זיך קאנען מוסר נפש זיין פון זיינט וועגן ואין ביכולת כל בשר לסבול מה שזכרנו לאהבת הבורא אבר קיין מענטש האט ניט די מאכט צו קענען ליידין פון גאטש ליבשאפט וועגן וואש מיר האבין פריער גיזאגט אז גאט זאל אים דער צוא ניט העלפן מפני שהטבע והיצר כנגדו ווארום ווייל די טבע פון דעם מענטשן אונ דר יצר הרע איז דר קעגן אבל השני פנים אבר די אנדרע צווייא אופנים דאש איז איינער זאל לאזין פאר לירין זיין געלט אדר איין חלק פון זיין גוף פון גאטש ליבשאפט וועגן הם ביכולת רוב המדברים דיא זיינן אין דיא מאכט פון דאש רוב מענטשן כלומר דאש האבין דאש רוב מענטשין יכולת מקיים צו זיין בהשתדלם בהקדמות אשר הקדמנו בשער הזה אז זיי וועלן זיך פלייסן אין זיך צו האבן אלע הקדמות וואש מיר האבן פריער גשריבן אין דעם שער ומה שמורה כי השני פנים האלה אונ וויא ארום מען קאן באווייזן אז די צווייא אופנים וואש מיר האבין דא גיזאגט איז דאש ראיה על האהבה השלימה באלהים איין ראיה אויף דער רעכטר ליבשאפט צו גאט מה שאמר השטן דאש קאן מען אפ לערנן אויש דעם וואש דער שטן האט גזאגט צוא גאט החנם ירא איוב אלהים פארכט דאך דען דר איוב אום זיסט פאר גאט הלא אתה שכת בעדו פאר וואר דוא האשט פאר צאמט פאר אים כלומר דו האשט אויף אים מגין גיוועזן עש זאל אויף אים קיין שלעכטש ניט קומן

ואולם

הלא אתה שכת בעדו וגו׳ · ואולם שלח נא ידך וגו׳ כלומר כי הוא כסוחר עמך באהבתו ויראתו אותך לקח מחירה כבוד העולם והונו · אך פסוק ממנו מה שחננתו מתועלת העולם ואם יעמוד בעניניו עמך הוא נאמן באהבתו בך · ואמר לו הבורא הנה כל אשר לו בידך ועשה מה שידעת בממונו ובבניו ולא נשתנה לא בנגלהו ולא בנסתרו לאלהים·ועמד באהבתו הנאמנה לאלהים·באמרו·ערום יצאתי מבטן אמי וגו׳ · ואמר הבורא לשטן השמת לבך אל עבדי איוב וגו׳ · ואמר עוד בעד עור וגו׳ ואולם שלח נא ידך וגו׳·אמר הרבה בני אדם מתנדבים בממונם ונשיהם ובניהם כדי לשמור גופם אך אין אמונת אהבתו אותך נראית אלא בבחינתו בגופו ובשרו במה שיצערהו

מרפא לנפש

אמר הרבה ב"א מתנדבים כו׳ ובניהם כו׳ אף שהכן נתח מאהב כו׳ כנ"ל אינו דומה שפושטו בידים כמו אברהם הוי כאילו מסר עצמו למיתה אבל באיוב הרגם השטן בלא ידיעתו והוא קבל עליו את הדין · זה לא הוי כאבדן גופו

ואולם אונ פאַר וָואר שלח נא ידך שְׁטְרֶעק נָאר אַיין מָאל דַיין הַאנְט אִין אִים וָועשְׁטוּ זֶעהֶן וִויא עֶר וָועט אַנְטְקֶעגֶן דִיר מוֹרֵד זַיין כלומר אַזוֹ הָאט דֶער שָׂטָן גִימֵיינְט כי הוא כסוחר עמך דֶען דֶער אִיוֹב טוּט אַזוֹ גְלַייךְ וָוען עֶר זָאל מִיט דִיר הַאנְדְלֶען באהבתו ויראתו אותך פַר דֶעם וָואשׁ עֶר הָאט דִיךְ לִיבּ אוּנ פָארְכְט זִיךְ פַאר דִיר לקח מחירה נֶעמְט עֶר דֶער פַאר כבוד העולם והונו דֶעם כָּבוֹד אוּנ דָאשׁ גוּטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט אך פסוק ממנו מה שחננתו מתועלת העולם אָבֶּר נֶעם נָאר אַוֶועק פוּן אִים וָואשׁ דוּ הָאשְׁט אִים גְלַייט זֶעלִיגְט פוּן דֶעם גוּטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט ואם יעמוד בעניניו עמך אוּנ אַז עֶר וָועט בְּלַייבְּן שְׁטֵיין אוֹיף דֶעם עִנְיָן וִויא עֶר אִיז פְרִיעֶר גִיוֶועזְן מִיט דִיר כְּלוֹמַר אוּנ אַז עֶר וָועט דֶער נָאךְ אַזוֹ פְרוּם זַיין וִויא פְרִיעֶר הוא נאמן באהבתו אותך דֶען וָועט מֶען עֶרְשְׁט זֶעהֶען אַז עֶר אִיז עֶרִינְשְׁט אוּנ גְטְרַייא אִין זַיין לִיבְּשַׁאפְט וָואשׁ עֶר הָאט צוּא דִיר ואמר לו הבורא הָאט דֶער בַּשֶׁעפֶר צוּם שָׂטָן גִיזָאגְט הנה נוּן כל אשר לו בידך וָואשׁ עֶר הָאט זַיין אַייגִינְשׁ גִיבּ אִיךְ דִיר אִין דַיין מַאכְט ועשה מה שידעת בממונו ובבניו אוּנ טוּא מִיט זַיין גֶעלְט אוּנ מִיט זַיינֶע קִינְדֶער וָואשׁ דוּ ווייסְט אָדֶר אַזוֹ אִיז דֶר פְּשַׁט (ועשה) הָאט דֶר שָׂטָן מִיט אִים גִיטָאן (מה שידעת) דָאשׁ אַלְץ וָואשׁ דוּ ווייסְט כְּלוֹמַר דוּ ווייסְט דָאךְ וָואשׁ דֶער שָׂטָן הָאט אִים גִיטָאן אַזוֹ וִויא עֶשׁ שְׁטֵייט אִין אִיוֹב ולא נשתנה אוּנ פוּן דֶעסְט וֶועגִין אִיז דֶער אִיוֹב נִיט פַאר עֶנְדֶערְט גִיוָוארִין לא בנגלהו ולא בנסתרו לאלהים נִיט אִין זַיינֶע אַנְטְפְּלֶעקְטֶע וֶוערְקִין אוּנ נִיט אִין זַיינֶע פַאר בָּארְגֶנֶע וֶוערְקִין וָואשׁ עֶר הָאט גִיטָאן צוּ גָאט ועמד באהבתו הנאמנה לאלהים אוּנ אִיז גִיבְּלִיבְּן שְׁטֵיין בַּייא זַיין גִיטְרַייעֶ לִיבְּשַׁאפְט צוּ גָאט אוּנ דָאשׁ ווייזְט מִיר באמרו דֶער מִיט וָואשׁ עֶר הָאט גִיזָאגְט ערום יצאתי מבטן אמי אִיךְ בִּין אוֹיס מַיין מוּטֶרְס לַייבּ נַאקִיט אוֹיס גִיגַאנְגֶען אוּנ וִויא ווייטֶער שְׁטֵייט ואמר הבורא לשטן הָאט דֶר בַּשֶׁעפֶר גִיזָאגְט צוּם שָׂטָן השמת לבך אל עבדי איוב הָאסְטוּ גִיטָאן דַיין הַארְץ צוּ מַיין קְנֶעכְט אִיוֹב עֶר אִיז דָאךְ טַאקֶע פְרוּם אַזוֹ וִויא עֶר אִיז פְרִיעֶר גִיוֶועזְן ואמר עוד הָאט דֶער שָׂטָן נָאךְ גִיעֶנְטְפֶערְט עור בעד עור מֶען גִיט אַיין הוֹיט פַאר דִי אַנְדֶערֶע כְּלוֹמַר דֶער סֵדֶר אִיז וֶוען אַיינֶר זֶעהְט מֶען וִויל אִים אָפּ הַאקְן דִיא קָאפּ מִיט אַשְׁוֶוערְד דָא גִיט עֶר דִיא הַאנְט אוֹיף דֶער קָאפּ כְּדֵי דִיא הֶענְט זָאל בֶּעסֶער אָפּ גִיהַאקְט וֶוערִין אוּנ מִכָּל שֶׁכֵּן וכל אשר לו יתן בעד נפשו דָאשׁ אַלְץ וָואשׁ עֶר הָאט זַיין אַייגִינְשׁ גִיט עֶר פַאר זַיין לַייבּ ואולם פַאר וָואר שלח נא ידך וגומר שְׁטְרֶעק נָאר דַיין הַאנְט אִין אִים זֶעלְבְּסְט וֶועסְטוּ זֶעהֶן אוֹיבּ עֶר וָועט נִיט מוֹרֵד זַיין קֶעגְן דִיר אמר דֶער שָׂטָן הָאט אַזוֹ גִיזָאגְט צוּא גָאט הרבה בני אדם מתנדבים בממונם ונשיהם ובניהם פִיל מֶענְטְשִׁין בַּאוִוילִיגְן זִיךְ מִיט זֵייעֶר גֶעלְט אוּנ זֵייעֶר ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער כְּלוֹמַר פִיל מֶענְטְשִׁין גִיבְּן אַוֶועק זֵייעֶר גֶעלְט אוּנ זֵייעֶר ווַייבּ אוּנ קִינְדֶער כדי לשמור גופם בְּדֵי זֵייא זָאלִין הִיטְן זֵייעֶר לֶעבִּין אך אין אמונת אהבתו אותך נראית נַייעֶרְט זַיין גִיטְרַייא לִיבְּשַׁאפְט קָאן מֶער נִיט גִיזֶעהֶען

ווער

ויקוץ בו · ואמר לו הבורא יתעלה הנו בידך רק את נפשו שמור · ועשה מה שאמר מנסיונו בגופו · וסבל ולא נשתנה באמונתו וטוב לבבו באלהים · באמרו לאשתו כדבר אחת הנבלות תדברי וגו׳ · ונראתה אהבתו הנאמנה ובר לבבו לאל למה שהתאפק לו לסבלו והתנדבו באבדת ממונו וצער גופו · ואמר במה שענה בו חבריו (שם יג) הן יקטלני לו איחל ושבח לו הבורא זה ולא שבח דבר חבריו בהוכיחם אותו כמ״ש (שם מב) ויאמר ה׳ אל אליפז התימני וגו׳ · ואתה רואה כי חבר אליו הבורא שני צדיקים והביאם למשל באמרו (יחזקאל יד) נח דניאל ואיוב · ואחר כך שב האלהים את שבותו כמה שכתוב (איוב מב) וה׳ שב את שבות איוב · ועל דעתו ומנהגו היו כל החסידים הראשונים המנוסים · כדניאל וחביריו בגוב אריות וכבשן האש · ועשרה הרוגי מלכות · והנוהג

מרפא לנפש

ממש · הר״ג : ואח״כ שב אלהים את שבותו · וזה ראיה או משל לידע ולהודיע שכל הצדיקים והחסידים בכל דור ודור המנוסים בכמה מיני נסיונות שישיב ה׳ את שבותם או בעוה״ז או בעולם הבא כמ״ש למען ענותך ולמען נסותך להטיבך באחריתך וזה הפסוק גם כן מ״ע לזכור בפסוקי הזכירות כמה שכתוב בשל״ה ד׳ רמ״ב :

ווערין אלא בבחינתו בגופו ובשרו נאר אז דוא וועשט אים פרובן מיט זיין לייב אונ פלייש במה שיצערהו מיט וועלכע יסורים ער זאל האבן דער פון צער ויקוץ בו אונ זאל פאר מיאוסין דריגען כלומר ער זאל האבין שטארקע יסורים אין זיין גוף אונ אז ער וועט דענסטמאל אויך פרום זיין וועט מען ערשט ווישן זיין גטרייען ליבשאפט צו גאט ואמר לו הבורא יתעלה האט דער בשעפר גזאגט צום שטן גלויבט איז ער הנו בידך רק את נפשו שמור ער איז אין דיין מאכט דוא זאלסט מיט אים טאן וואש דוא ווילשט נאר זיין לעבין היט ועשה מה שאמר מנסיונו בגופו אונ דער שטן האט גיטאן וואש ער האט גיזאגט פון צוא פרובן אים אין זיין גוף אונ האט אים גישלאגין מיט שטארקע צרעת וסבל אונ איוב האט דעם צער אויש גליטן ולא נשתנה באמונתו וטוב לבבו אונ ער איז ניט פאר ענדערט גיווארין מיט זיין גלייבונג אונ זיין גוט הארץ וואש ער האט גיהאט צוא גאט באמרו לאשתו כדבר אחת הנבלות תדברי אונ דאש ווייסן מיר פון דעם וואש ער האט גיזאגט צוא זיין ווייב דוא רעטסט וויא איין שאלקהאפטיגע פרויא ווארום זיין ווייב האט אים גיזאגט ער זאל ריידין קעגין גאט ונראתה אהבתו הנאמנה איז גיוויזן גיווארין זיין גיטרייע ליבשאפט ובר לבבו לאל אונ זיין קלאר הארץ וואש ער האט גיהאט צוא גאט למה שהתאפק לו לסבלו דורך דעם וואש ער האט זיך איין גיהאלטין צוא ליידין דעם צער והתנדבו באבידת ממונו אונ האט זיך באווילינט מיט דעם וואש זיין געלט איז פאר לארין גיווארין וצער גופו אונ האט גליטן דעם צער פון זיין גוף פון גאטש וועגין ואמר במה שענה בו חביריו אונ האט גיענטפערט צו זיינע חבירים הן יקטלני לו איחל ווען ער זאל מיך אפילו טייטין וועל איך דאך האפין צוא אים ושבח לו הבורא זה אונ דער בשעפער האט אים דרום גילויבט ולא שבח דבר חביריו אונ האט ניט גילויבט דיא רייד פון זיינע חבירים בהוכיחם אותו וכו׳ דר מיט וואש זייא האבין אים גישטראפט אזוא וויא עש שטייט אין איוב אונ גאט האט גיזאגט צוא אליפז התמני איך בין ברוגז אויף דיר אונ וויא ווייטער שטייט דארטן ואתה רואה אונ דו קענשט דאך זעהן כי חבר אליו הבורא שני צדיקים אז דר בשעפער האט מיט אים צווייא צדיקים באהעפט אונ גרעכינט והביאם למשל אונ האט זייא זעלבשט גיבראכט פאר איין משל באמרו דער מיט וואש ער האט גיזאגט צו יחזקאל נח דניאל אונ איוב ואח״כ שב אלהים את שבותו אונ דר נאך האט גאט ווידער גיקערט זיינע יסורים כלומר ער האט פון אים אפ גיטאן זיינע יסורים ועל דעתו ומנהגו אונ אויף זיין דעה אונ זיין מנהג היו כל החסידים הראשונים זיינען גיוועזן אלע דיא ערשטע חסידים דאש מיינט מען אזו וויא איוב האט

מנהגם · ועל המדרגה הזאת הזהיר הנביא באמרו (דברים ו) ואהבת את ה׳ אלהיך וגו׳ · ומי שמתמיד על האהבה שהיא לתוחלת או ליראה בעולם הזה או בעולם הבא אשר ביכולת רוב המדברים לקיים מצותיה ומשתדל בה תמיד · ואמצהו הבורא ויעזרהו על האהבה הנאמנה אשר תהיה לגדל ולרומם לבורא יתעלה · אשר היא למעלה מן היכולת הבשרית · כמ״ש הכתוב (משלי ח) אני אוהבי אהב ומשחרי ימצאונני · (שם) והוטאי חומס נפשו :

פרק ה **אבל** מפסידי האהבה באלהים רבים מאד · מהם שיקצר האדם בהקדמות אשר תתילד מהם אהבת הבורא יתעלה׳ ומהם מפסידי ההקדמות אשר הקדמנו לבארם בספר הזה ואינני צריך לשנותם שלא יאריך הענין׳ ומהם השנאה באוהביו

מרפא לנפש

ומי שמתמיד על האהבה כו׳ · וכוא מה שאחז״ל שלא לשמה בא לשמה ובלבד שלא יהיה מחשבתו להרע לעולם יעסוק אדם בתורה ובמצות אפילו שלא לשמה שמתוך ולקנטר שעל זה אמרו מוטב שנהפכה שלייתו על פניו כ״כ

גיטאן אזו אויך האבין גטאן אלע ערשטע חסידים המנוסים וואש זיינען גיפרובט גיווארן כדניאל וחבריו בגוב אריות וכבשן האש גלייך וויא דניאל האט מען אריין גיווארפין אין לייבין גרוב אונ זיינע חברים אין פייערדיגן קאלך אויבין ועשרה הרוגי מלכות אונ דיא צעהן תנאים וואש זיינען גיטייט גיווארין פון די רומיים והנוהג מנהגם אונ נאך פיל אנדערע וואש האבין זיך נוהג גיוועזן זייער מנהג האבין זיי זיך אלץ מוסר נפש גיוועזן פון גאט וועגין אונ זייער ליבשאפט צו גאט איז אויך גוועזן זייער גיטרייא ועל המדרגה הזאת אונ אויף דער מעלה הזהיר הנביא האט דער נביא משה רבינו מזהיר גיוועזן באמרו דר מיט וואש ער האט גזאגט אין (דברים) ואהבת וגו׳ אונ דו זאלשט ליב האבין דיין גאט בכל נפשך מיט גאר דיין לעבין האטשע מען וויל ביי דיר צו נעמן דיין לעבין זאלשטו פארט דיין ליבשאפט פון גאט ניט אוועק לאזין ומי שמתמיד על האהבה אונ דר וואש ועהט אלע צייט אין זיך צו האבן די ליבשאפט שהיא לתוחלת דאש איז ווייל ער האפט גוטש צוא קריגן דער פאר או ליראה אדער ווייל ער האט מורא פאר איין עונש פאר דער פאר אויף דעם עולם אדר אויף ייענם עולם אשר ביכולת רוב המדברים לקיים מצותיה וואש דאש רוב מענטשין האבין עש אין זייער מאכט מקיים צוא זיין אירע מצות ומשתדל בה תמיד אונ ער פלייסט זיך דרינגען אלע צייט יאמצהו הבורא וועט אים דער בשעפער שטארקין ויעזרהו על האהבה הנאמנה אונ וועט אים העלפין אויף דער גיטרייע ליבשאפט אשר תהיה לגדל ולרומם לבורא יתעלה וואש דיא ליבשאפט וועט זיין צוא אכפרין אונ צוא דער הייבין דעם בשעפער יתעלה אשר היא למעלה מן היכולת הבשרית וואש דאש איז העכער פון די יכולת פון מענטשין אזו ווי דר פסוק זאגט אין (משלי) אני אוהבי אהב דר וואש האט מיך ליב דעם האב איך ליב ומשחרי ימצאונני אונ מיינע פארשטער וועלין מיך גיפינען וחוטאי חומס נפשו אונ דער וואש זינדיגט קעגין מיר דער בראובט זיין נשמה :

אבל מפסידי האהבה באלהים אבער דיא מעשים וואש טוט שאדן צוא דיא ליבשאפט פון גאט רבים מאוד דיא זיינען זייער פיל מהם פון דיא זאכין וואש שאט צוא דעם ליבשאפט פון גאט איז שיקצר האדם בהקדמות אז דר מענטש וועט קירצן אין דיא הקדמות כלומר ער וועט אן זיך ניט האבין דיא הקדמות אשר תתילד מהם אהבת הבורא יתעלה וואש פון זייא שפראצט ארויש דיא ליבשאפט פון גאט יתעלה ומהם אונ פון דיא זאכין איז מפסידי ההקדמות אז ער טוט זעלכע זאכין וואש טוט שאדין צוא די הקדמות אשר הקדמנו לבארם בספר הזה וואש מיר האבין זייא פריער בשייד אין דעם ספר ואינני צריך לשנותם אונ איך בדארף זייא ניט נאך אמאל צו שרייבן שלא יאריך הענין כדי דער ענין זאל ניט צוא לאנג זיין ומהם אונ פון דיא זאכין וואש

שאט

והאהבה בשונאיו׳ כמ״ש (ישעיה ה) מצדיקי רשע · ואמר (משלי יז) מצדיק רשע ומרשיע צדיק · ואמר (שם כח) עוזבי תורה יהללו רשע · ואמר (שם כד) אומר לרשע צדיק אתה :

פרק ו **אבל** אותות האהבה באלהים מן האוהב ׳מהם עזיבת כל מה שיטרידהו מעבודת הבורא יתברך מעניני המותרים · ומהם הראות אותות יראתו ואימתו על פניו׳ כמ״ש (שמות כ) ובעבור תהיה יראתו על פניכם לבלתי תחטאו · והיראה על שני פנים אחד מהם יראת עונשו ונסיונו וזה היראה בעבור מה שיצערהו וידכאהו שאם היה בטוח ממה שיצטער בו לא היה ירא את ה׳ ועליו אמרו רז״ל ליחוש דילמא אתי למעבד מאהבה ומיראה · והוא מקצר ממדרגת יראי אלהים · והוא מה שהזהירו

מרפא לנפש

תו״ועיין בתוי״ט במשנה אל תהיו כעבדים מזה באורך : מצדיקי רשע · עקב שחד ולדקת צדיקים יסירו ממנו · לכן כאכול קש לשון אש וגו׳ על כן חרה אף ה׳ בעמו וגו׳ : ואמר מצדיק רשע ומרשיע צדיק · תועבת ה׳ גם שניהם : ואמר עוזבי תורה יהללו רשע · ושומרי תורה יתגרו בם: ואמר אומר לרשע צדיק אתה · יקבוהו עמים יזעמוהו לאומים :
ועליו אמרו רז״ל ליחוש דלמא כו׳ · במסכת מגילה ס״פ בני העיר על הא דתנינן קללות וברכות נקרין ומתרגמין ופריך פשיטא ומשני מהו דתימא ליחוש

שאט צו דעם ליבשאפט פון גאט איז השנאה באוהביו אז ער האט פיינד דעם וואש גאט האט ליב ואהבה בשונאיו אונ האט ליב דעם וואש גאט האט פיינט אזו וויא עש שטייט אין (ישעיה) מצדיקי רשע זייא מאכין גירעכט דעם רשע אונ אין (משלי) שטייט מצדיק רשע ומרשיע צדיק דען דעם רשע מאכט ער גירעכט אונ דעם צדיק מאכט ער אום גירעכט׳ אונ נאך שטייט אין (משלי) עוזבי תורה יהללו רשע דיא וואש פאר לאזין דיא תורה דיא לויבין דעם רשע אונ נאך שטייט דארטין אין (משלי) אומר לרשע צדיק אתה ער זאגט צום רשע דוא בישט איין צדיק :

אבל אותות האהבה באלהים מן האוהב אבר דיא צייכין וויא ארום מען קאן זעהן אז איינער האט ליבשאפט צוא גאט מהם פון זייא איז כלומר אטייל סימנים זיינען אז מען זעהט פון איינעם עזיבת כל מה שיטרידהו מעבודת הבורא יתברך מעניני המותרים ער טוט פאר לאזין אלע איבריגע זאכין וואש קאנען אים טרוד מאכין פון דעם דינשט פון דעם בשעפר יתברך ומהם אונ פון דיא צייכינש זיינען הראות אותות יראתו ואימתו על פניו מען זעהט אויף זיין פנים דיא צייכינש פון די פארכט פאר השם יתברך אזו וויא עש שטייט אין (שמות) ובעבור תהיה יראתו על פניכם אונ פון וועגין זיין פארכט זאל זיין אויף אייער פנים והיראה על שני פנים אונ דיא פארכט איז אויף צווייא ערלייא אופנים אחד מהם יראת עונשו איינש פון זייא איז וואש איינער פארכט זיך פר איין עונש כלומר ער פארכט זיך דרום פר גאט ווייל ער זעהט ער שטראפט דיא לייט וואש פאלגין אים נית האט ער מורא ער זאל אים אויך נית שטראפין ונסיונו אדר ער האט מורא גאט זאל אים עפיש שיקין צוא פרובין אים דער מיט וזהו אונ דער דאזיגער איז היראה בעבור מה שיצערהו וואש ער האט מורא פאר אזאך וואש וועט אים מצער זיין וידכאהו אונ וועט אים שלאגין אדר צו שטויסין שאם היה בטוח ממה שיצטער בו ווען ער זאל אבר פאר זיכערט זיין פון דער זאך וואש ער קאן דער פון צער האבין דאש הייסט ער זאל גאר וויסין אז ער וועט אפילו נית פאלגן גאט וועט ער אים פארט נית שטראפין לא היה ירא את ה׳ וואלט ער זיך נית גיפארכטין פאר גאט ועליו אמרו רז״ל אונ פון אזעלכין האבן אונזרע חכמים ז״ל גיזאגט ליחוש דילמא אתי למעבד מאהבה ומיראה מען בדארף מורא צוא האבן טאמר וועט ער האלטן מצות פון וועגין ליבשאפט פון דעם שכר פון וועגין פארכט פאר דעם עונש והוא מקצר ממדרגת יראי אלהים אונ דר קירצט פון דיא מעלות פון די וואש פארכטין זיך פאר גאט כלומר אונ דר איז נית אין דר רעכטר מעלה פון דיא וואש פארכטין זיך פר גאט והוא אונ דאש איז מה שהזהירו ממנו חז״ל וואש אונזרע חכמים ז״ל האבין אונז דער פון מזהיר גיוועזן

אל

ממנו רז״ל אל תהיו כעבדים המשמשים את הרב על מנת לקבל פרס וכו׳ · ואמר אחד מן החסידים אני מתבייש מאלהים שאעבדנו בעבור הגמול והעונש ואהיה כעבד הרע אם ייראו ויקוה יעשה ואם לאו לא יעשה אבל אעבדנו למה שיאות לו · והשני יראה לכבודו ורוממותו ועוצם גבורתו ואיננה סרה מן האדם ולא נפרדת ממנו כל ימי חייו · וזאת העליונה במדרגות יראי אלהים אשר נזכרו בספרים ביראה · והוא המביא (ס״א המבוא) אל האהבה הזכה והכוסף המצער · ומי שהגיע אל המדרגה הזאת מן היראה לא יאהב ולא יירא זולת הבורא · כמו שספר אחד מן החסידים על אחד מהיראים שמצאו ישן באחד המדברות ואמר לו האינך ירא מן האריה שאתה ישן במקום הזה · אמר לו אני בוש מאלהים שיראני יראה זולתו · ומהם שישתוה בעיניו

מרפא לנפש

דלמא אתי למעבד כו׳ פי׳ רש״י מאהבה של ברכות ומיראה של קללות ואין לבם לשמים קמ״ל דלא חיישינן על כך : ואמר אחד מן החסידים כו׳ · ועיין מ״ש בסוף שער הבטחון מענין זה : והכוסף המצער · פירש הר״נ והכוסף התאוב היא האהבה זכה שהיא מעט בעולם עכ״ל ואפשר לפרש והכוסף רצה לומר האהבה הקרובה אל ה׳

אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס איר זאלט ניט זיין וויא דיא קנעכט וואש דינען דעם האר פון וועגין צו נעמען דער פאר שכר ואמר אחד מן החסידים אונ איינר פון דיא חסידים האט גיזאגט אני מתבייש מאלהים איך טוא מיך שעמען פאר גאט שאעבדנו בעבור הגמול והעונש אז איך זאל אים דינען פון וועגין צו נעמען ביא אים שכר דער פאר אדער פון וועגין איך פארכט מיך פאר עונש ואהיה כעבד הרע אונ איך זאל זיין אזו וויא אשלעכטר קנעכט אם יירא אז ער פארכט זיך זיין האר זאל אים ניט שטראפן ויקוה אדער ער האפט צוא נעמען שכר פאר דער דינסט יעשה וועט ער טאן דעם ווילין פון זיין האר ואם לאו אונ אז ניט כלומר אונ אז ער האט קיין מורא ניט פאר קיין עונש אז ער וועט אים ניט פאלגין אונ אז וועט אים יוא פאלגין וועט ער ניט האבן קיין שכר דער פאר לא יעשה וועט ער ניט טאן אבל אעבדנו למה שיאות לו נייערט איך וועל אים דינען ווייל עש איז רעכט אונ מען גיהער אים צו דינען והשני אונדאש אנדערע איז יראה לכבודו וואש איינער פארכט זיך פאר גאט פון וועגין זיין כבוד ורוממותו ועוצם גבורתו אונ זיין הויכקייט אונ זיין שטארקע מאכט ואיננה סרה מן האדם אונ די פארכט ווערט ניט אפ גיטאן פון דעם מענטשין ולא נפרדת ממנו אונ זיא ווערט פון אים ניט אפ גישייד אלע זיינע יארין וואש ער לעבט וזאת העליונה במדרגות יראי אלהים אונ דאש איז דיא העכשטע פון דיא גאטש פארכטיגע אשר נזכרו בספרים ביראה וואש זייא זיינען גידאכט אין דיא ספרים פאר גאטש פארכטיגע והוא המביא אונ דיא יראה ברייננט דעם מענטשין צוא איין קלארע ליבשאפט והכוסף המצער אונ עש ברייננט אים ער זאל אזו גילוסטין צו דינען גאט אז ער איז זיך מצער דריבער ווייל ער קאן אים ניט אזו דינען וויא ער וואלט גערין אדער אזו איז דער פשט (והכוסף המצער) אונ ברייננט אים צו אזו איין גילוסטיקייט צו גאט וואש אזו אגלייכן איז ווייניג דא אויף דער וועלט ומי שהגיע אל המדרגה הזאת מן היראה אונ דער וואש איז גיקומען צו דער דאזיגער מעלה פון גאטש פארכט לא יאהב זולת הבורא דער וועט קיינעם ניט ליב האבין אונ וועט זיך ניט פארכטין פאר קיין שום זאך נאך פאר דעם בשעפער כמו שספר אחד מן החסידים על אחד מהיראים אזו וויא איינער פון דיא חסידים האט דער ציילט פון איינעם פון דיא גאטש פארכטיגע שמצאו ישן באחד המדברות וואש ער האט אים גיפונען שלאפינדיג אין איין מדבר ואמר לו האט דער חסיד צו אים גיזאגט האינך ירא מן האריה האשטו דען קיין מורא ניט פאר איין לייב שאתה ישן במקום הזה וואש דוא שלאפשט אויף דעם דאזיגן ארט כלומר דו גיהערשט דאך בוודאי מורא צו האבין צו שלאפין אויף אזו איין ארט וואו עש איז פאר האנדן חיות רעות

אם ישבחוהו בני אדם או יגנוהו ברצון הבורא יתברך כשהוא מצוום לעשות הטוב ולהתרחק מן הרע׃ ומהם שיתנדב בנפשו וגופו ובממונו ובניו ברצון האל יתברך כמ"ש (תהלים מד) כי עליך הורגנו כל היום · ומהם שישוב שם האלהים תמיד על לשונו בשבח והודאה והלה כמ"ש (שם לה) ולשוני תהגה צדקך ואמר (שם עא) ימלא פי תהלתך · ואל יזכור שם הבורא לשוא ולא לשקר ולא בקללה · והשבועה לשוא היא מה שמוציא האדם על פיו מן השבועות לבטלה וללא צורך ולא יחייבהו בה דין · והשבועה לשקר היא השבועה שמחייבין אותו בה מן הדין בעניניו במשאו ובמתנו עם ב"א · והוא

מרפא לנפש

כמו וכיה מלער וי"מ לבון לער : ואל יזכור שם הבורא לשוא כו' · וז"ל הגהת י"כ הנה פשוט בכמה מקומות שאין חילוק באיסור הזכרת ש"ש לחנם בין בלשון הקודש בין בשום אחד מאלו לשונות שבעולם ופשוט ג"כ שאין חילוק בין הזכרת השם המיוחד ובין אחד מהכנויים וזכרון אחד עולה לכאן ולכאן כו' ותועבת ה' גם שניהם ולכך

סירא את ה' ותרד לדברו יסרום ממיתה כמו שאמרו חז"ל בכל מקום שהזכרת השם מצויה מיתה מצויה ובעונותינו המכשלה הזאת רבה תחת ידינו כו' אוי לנו מיום הדין ומיום התוכחה כו' כי בוודאי עבירה זו גרועה וחמורה מאלו עבירות הוא עובר על גזירת מלכו של עולם ובחטא זה הוא נוגע כביכול בשם כבוד מלכותו עצמו ולכן לא

אמר לו האט דר מענטש געזאגט צו דעם חסיד אני בוש מהאלהים איך שעם מיך פר גאט שיראני אז ער זאל מיך זעהן יראה זולתו אז איך פארכט מיך פר אימעצין אנדערש אדר (יראה זולתו) אז איך פארכט מיך אנדער פארכט וואש ניט פאר אים ומהם אונ פון דיא סימנים וואש מען קאן ווישן פון איינעם אויב ער האט ליב גאט איז שישתוה בעיניו אז עש איז בייא אים גלייך אם ישבחוהו בני אדם אז מענטשין וועלין אים לויבן או יגנוהו אדר זיי וועלין אים שענדין ברצון הבורא יתברך דענשמאלט אז ער איז עוסק צו טאן דעם ווילין פון דעם בשעפער כשהוא מצוום לעשות הטוב דהיינו אז ער גיבט דיא לייט זייא זאלין טאן גוטש ולהתרחק מן הרע אונ זאל זיך דער ווייטערין פון צוא טאן בייז איז בייא אים גלייך ווען מענטשין וועלין אים לויבין אדער שענדין דר פאר ומהם אונ פון דיא סימנים איז שיתנדב בנפשו וגופו וממונו ובניו ער זאל זיך באווילין אז ער זאל דערייען געבין זיין לעבין אונ זיין גוף אונ זיין געלט אונ זיינע קינדער ברצון האל צו טאן דעם ווילין פון גאט יתברך אזו וויא עש שטייט אין (תהלים) כי עליך הורגנו כל היום דען פון דיינט וועגין זיינן מיר גיהרגת געווארין אלע טאג כלומר מיר האבן זיך תמיד מוסר נפש געוועזן פון דיינט וועגין ומהם שישוב שם האלהים תמיד על לשונו אונ פון דיא סימנים איז אויך ער זאל אלע צייט גאטש נאמן אויף זיין צונג האבין בשבח והודאה מיט לויבין אונ דאנקן אים פאר זיינע טובות וואש ער האט גיטאן ותהלה אונ לויבין אים פאר דיא טובות וואש ער טוט אים איצונד אזוא וויא עש שטייט אין (תהלים) ולשוני תהגה צדקך אונ מיין צונג טוט ריידין פון דיין גירעכטיקייט אונ נאך שטייט אין (תהלים) ימלא פי תהלתך מיין מויל איז דער פילט מיט דיין לויב ואל יזכור שם הבורא לשוא אונ ער זאל ניט דר מאנען אום זיסט דעם נאמען פון דעם בשעפער דאש הייסט אן אלויב צו אים טאר מען זיין נאמען ניט דער מאנען ולא לשקר אונ ניט אויף פאלשקייט ולא לקללה אונ ניט אויף איין קללה דאש הייסט ער זאל דעם אנדרין ניט שילטין מיט איין שם והשבועה לשוא אונ אום זיסט שווערין הוא מיינט מען אזו מה שמוציא אדם על פיו מן השבועות לבטלה וואש אמענטש ציהט אויש זיין מויל זעלכע שבועות וואש זיי זיינן אום זיסט וללא צורך אונ ער בדארף זייא גאר ניט ולא יחייבהו בה דין אונ דאש בית דין האט אים גאר ניט מחייב געווען קיין שבועה הייסט דש (שבועת שוא) ער שווערט אום זיסט וואש קיינר גייט אים גאר ניט צו דר שבועה והשבועה לשקר הוא אונ פאלש שווערין הייסט השבועה שמחייבין אותו בה מן הדין אזו אשבועה וואש מען האט אים זיא מחייב געווען מיטן דין בעניניו במשאו ובמתנו עם ב"א פון וועגן זיין משא ומתן וואש ער האט גיהאט מיט לייט האבין זיי

אים

חייב להזהר מכל מה שיביאהו להשבע בשם הבורא יתברך לכבודו · כמה שכתוב (תהלים כד) נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא וגומר ואמר (דברים כח) ליראה את השם הנכבד והנורא הזה וגו׳ ואמר (מלאכי ג) וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה ומרפא בכנפיה׳ ואמרו חכמינו ז״ל אלו בני אדם שיראים להוציא שם שמים לבטלה · והקללה הם הקללות והגדופים והחרפות שמזכירים בהם שם שמים לבטלה והוא גנאי גדול למאמין · וכבר התירו עמי הארץ לעצמם זה עד שהגיעו בו אל תכלית הגנות · והם מכונים בזה להפליא ולהפליג בגדופיהם ולהגדיל ולפאר חרפותם · והם דומים בזה למה שאמר החכם (משלי י) כשחוק לכסיל עשות זמה· ומהם שיתנה בכל מה שעתיד לעשותו ולאמרו ברצון הבורא בעת שהוא יועד בו זולתו אפילו אם יהיה לזמן קרוב עד מאד וזה

מרפא לנפש

יבקש ס׳ וגו׳ ע״ש, בארוכות גדול דברים ישרים והעתיקו בקנ״ח : והוא חייב להזהר מכל מה כו׳ · ר״ל שלא ירגיל בשבועות אפילו באמת שלא יבא לשבועת שקר כמה שכתוב בתשבון י״ז ע״ש · סר״ג : בעת שהוא יועד בו זולתו ·

אים גלאדין צום בית דין האבין זייא אים מחייב גיוועזן אשבועה אונ ער שווערט פאלש דאש הייסט שבועת שקר והוא חייב להזהר אונ ער בדארף גיווארינט זיין מכל מה שיביאהו פון אלע זאכין וואש קאן אים ברייאנגין דר צו להשבע בשם הבורא ער זאל מוזין שווערין מיט דעם נאמן פון דעם בשעפר יתברך כלומר ער זאל זיך היטין פון אלמין וואש קאן נאר קומען דער צוא ער זאל מוזין שווערין בייא גאטש נאמין אפילו אויף אמת ווארום אז ער וועט זיך גוואנין צוא שווערין אויף אמת וועט עש אים ברייאנגין אז ער זאל שווערין פאלש אונ דאש זאל ער טאן לכבודו פון גאטש כבוד וועגין אזו וויא עש שטייט אין תהלים נקי כפים דער וואש האט ריינע הענט כלומר וואש ער האט בייא קיינם ניט גיגנבת אדער גיגזלת ובר לבב אונ דער וואש האט אלוטר הארץ אשר לא נשא לשוא נפשי דער וואש שווערט ניט אום זיסט אונ אין (דברים כ״ח) שטייט ליראה את השם הנכבד והנורא צו פארכטין זיך פאר דעם גיערליכטן אונ פארכטיגן נאמן אונ אין (מלאכי) שטייט וזרחה לכם יראי שמי שמש צדקה אונ צוא אייך וואש איר פארכט זיך פאר מיין נאמן וועט שיינן די זון פון גירעכטקייט ואמרו חכמינו ז״ל האבין אונזרע חכמים דרויף גזאגט אלו בני אדם שיראים להוציא שם שמים לבטלה דער פסוק מיינט זעלכע לייט וואש פארכטן זיך אויש צו ריידין אום זיסט דעם נאמן פון דעם בשעפר והקללה אונ דאש פלוכין מיט גאטש נאמען הם הקללות והגדופים איז דאש פלוכין אונ שענדין והחרפות אונ לעסטירן שמזכירים בהם שם שמים לבטלה וואש מען דער מאנט בייא זיי גאטש נאמן אום זיסט והוא גנאי גדול למאמין אונ דאש איז איין גרוישע שאנד צוא איין פרומן מאן וכבר התירו עמי הארץ לעצמם זה אונ דר פראסטער עולם האבין דאש מותר גמאכט צו זיך זעלבשט עד שהגיעו בו אל תכלית הגנות ביז זיי זיינן דרינן גיקומן צו זייער פיל שענדליכקייט והם מכוונים בזה אונ וואש זיי שילטן אונ לעשטרין איינש דאש אנדרע מיט גאטש נאמן זיינן זיי זיך מכוין דר מיט להפליא ולהפליג בגדופיהם צו מאכן וואונדרליך אונ גרויש זייערע לעסטרונג כלומר זייא טראכטין זיך אז זיי וועלן פלוכין מיט גאטש נאמן וועט די קללה גרעסער זיין ולהגדיל ולפאר חרפותם אונ דער מיט גרויש מאכין אונ צו בשיידן זייער שענדליכקייט והם דומים בזה אונ זיי זיינן גלייך דר מיט למה שאמר החכם צוא דעם וואש דער חכם שלמה המלך האט גזאגט אין (משלי) כשחוק לכסיל עשות זמה בייא דעם נאר איז וויא איין גישפאט צו טאן שענדליכע זאכין ומהם אונ פון דיא סימנים איז וואש מען קאן וויסין פון איינעם אויב ער האט ליבשאפט פון גאט שיתנה בכל מה שעתיד לעשותו ולאמרו אז אלץ וואש ער האט בדעה צוא טאן נעמט ער איין תנאי אויש אונ זאגט איך וועל עש טאן ברצון הבורא אז דער ווילען פון דעם בשעפר וועט זיין דער בייא דאש הייסט אזו וויא מיר זאגין (אם ירצה השם)

בעבור שני דברים · האחד מיראת מהירות המות אליו · והשני מפני שאינו יודע אם קדם בגזרת האל לעשותו · ומהם שיאשר ויורה לעבודת האלהים בין ברכה בין בקשה כפי הצריך לזמן ולמקום ולכיתות בני אדם ולמעלותם מהשרים ועד אנשי השוק · כמ״ש החכם (פס א) ישמע חכם ויוסף לקח וגו׳ לתת לפתאים ערמה וגו׳ · וראוי לך אחי לדעת כי זכיות המאמין אפילו אם יהיה מגיע אל התכלית הרחוקה בתקון נפשו לאלהים יתברך ואילו היה קרוב למלאכים במדותם הטובות ומנהגיהם המשובחים והשתדלותם

## מרפא לנפש

כשהוא מבטיח לזולתו איזה דבר יאמר אם ירצה השם וסימנך עלת ה׳ סי״א תקום : ומהם שיאשר ויורה · את

אַז גָאט וֶועט וֶועלִין בעת שהוא יועד בו זולתו אִין דֶער צַייט אַז עֶר זָאגְט עֶפִּים אַזַאךְ צוּא טָאן דֶעם אַנְדֶערִין אפילו אם יהיה לזמן קרוב עד מאד חָאטְשֶׁע עֶר וִויל דִי זַאךְ טָאן גָאר בַּאלְד אִין אַקְלֵיינֶער צַייט כְּלוֹמַר חָאטְשֶׁע עֶר וֶועט דִי זַאךְ טָאן דֶעם אֵייגִינֶעם טָאג אָדֶר דֶעם אַנְדֶערִין טָאג זָאגְט עֶר פָּארְט אִיךְ וֶועל עֶשׁ טָאן (אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם) אַז גָאט וֶועט וֶועלִין אִיז דָאשׁ אַסִימָן אַז עֶר הָאט לִיבּ גָאט וזה בעבור שני דברים אוּנ דָאשׁ טוּט עֶר פוּן צְוֵוייא טַעֲמִים וֶועגִין האחד אֵיין טַעַם אִיז מיראת מהירות המות אליו וַוייל עֶר פָארְכְט זִיךְ טָאמֶר קוּמְט אוּיף אִים בַּאלְד דֶער טוֹיט וֶועט עֶר שׁוֹין נִיט קָאנֶען טָאן דִיא זַאךְ דְרוּם זָאגְט עֶר (אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם) והשני אוּנ דָאשׁ אַנְדֶערֶע אִיז מפני שאינו יודע וַוייל עֶר וַוייסְט נִיט אם קדם בגזרת האל לעשותו אוֹיבּ גָאט הָאט עֶשׁ פְרִיעֶר גּוֹזֵר גִיוֶועֶן אַז עֶר זָאל דִיא זַאךְ טָאן כְּלוֹמַר וַוייל עֶר ווייסְט נִיט אוֹיבּ גָאט ב״ה וִויל עֶר זָאל טָאן דִי זַאךְ דְרוּם זָאגְט עֶר (אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם) ומהם אוּנ פוּן דִי סִימָנִים אִיז שיאשר אַז עֶר מַאכְט אַנְדֶערֶע טְרֶעסְטִין ויורה אוּנ טוּט זֵייא וַוייזִין לעבודת האלהים צוּא גָאטְשׁ דִינְשְׁט בין ברכה בין בקשה סַייא מִיט וֵוייכֶע רֵייד אוּנ סַייא מִיט הַארְטֶע רֵייד כפי הצריך לזמן ולמקום וֶועדְלִיג דִיא צַייט אוּנ דָאשׁ אָרְט בְּרֵיינְגְט מִיט וָוארוּם אָפְט אִיז פַאר הַאנְדְן אַזוֹא אַצַייט אָדֶר אַזוֹ אֵיין אָרְט וָואשׁ מֶען בַּדַארְף זֵיי שְׁטַארְק שְׁטְרָאפְן אוּנ אַזוֹ אַצַייט אוּנ אֵיין אָרְט וָואשׁ מֶען בַּדַארְף וֵוייניגֶער שְׁטְרָאפִין ולכתות בני אדם אוּנ נָאךְ דִיא מֶענְטְשִׁין נָאךְ לְמָשָׁל צוּא אֵיין קְרֶעמֶער מוּז מֶען צוּא מֵייגְסְטָן מַזְהִיר זַיין אוּיף פַאלְשֶׁע וָואג אוּנ פַאלְשֶׁע מָאס אוּנ צוּ אֵיין קַצָּב אוּיף טְרֵיפוֹת אוּנ צוּא אַזוֹ אֵיין מֶענְטְשׁ וָואשׁ עֶר גֵייט לֵיידִיג אוּיף דְבָרִים בְּטֵלִים אוּנ לְשׁוֹן הָרָע ולמעלותם אוּנ נָאךְ זֵייעֶר מַעֲלָה נָאךְ צוּ אֵיין אִישׁ חָשׁוּב בַּדַארְף עֶר אֵיידְלֶר שְׁטְרָאפִין אֵיידֶר אֵיין פְּרָאסְטִין מֶענְטְשִׁין אוּנ דָאשׁ טוּט עֶר מהשרים ועד אנשי השוק פוּן דִיא שָׂרִים בִּיז דִיא מַארְק מֶענְטְשִׁין כְּלוֹמַר פוּן גְרוֹישׁ בִּיז קְלֵיין דֶעם גְרוֹיסְן חָשׁוּב חַנְפִית עֶר נִיט אוּנ אוּיף דֶעם מַארְק מֶענְטְשׁ זָאגְט עֶר נִיט אִיךְ שֶׁעם מִיךְ גָאר מִיט אִים צוּא רֵיידְן אַזוֹ וִויא דֶער חָכָם שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ הָאט גִיזָאגְט אִין (משלי) ישמע חכם ויוסף לקח דֶער חָכָם זָאל הֶערִין אוּנ זָאל נָאךְ מֶערִין צוּ לֶערְנֶען לתת לפתאים ערמה אוּנ צוּ גֶעבִּין צוּ דִיא נַארִין קְלוּגְשַׁאפְט זָאגְט דֶער מְחַבֵּר וראוי לך אחי לדעת אוּנ דוּא בַּדַארְפְשְׁט וִויסְן מַיין בְּרוּדֶער כי זכיות המאמין אַז דִיא זְכִיּוֹת פוּן דֶעם פְרוּמָן אפילו אם יהיה מגיע חָאטְשֶׁע עֶר זָאל אַזוֹ פְרוּם זַיין אַז עֶר זָאל גְרֵייכְן אל התכלית הרחוקה צוּם ווייטְשְׁטִין עֶק בתקון נפשו לאלהים יתברך אִין דֶעם פַאר רִיכְטוּנְג פוּן זַיין נְשָׁמָה צוּ גָאט כְּלוֹמַר וֶוען עֶר זָאל גְרֵייכְן מִיט זַיין פְרוּמְקַייט צוּ דֶר ווייטֶרְסְטֶר מַעֲלָה לְמָשָׁל פוּן אַלֶע מַעֲלוֹת קוּמְט מֶען צוּא דֶער מַעֲלָה פוּן לִיבּ צוּ הָאבְּן גָאט אִיז דָאשׁ לִיבְּשַׁאפְט צוּ גָאט דִי ווייטֶרְסְטֶע מַעֲלָה וַוייל דָאשׁ אִיז זֵייעֶר ווייט פוּן דֶעם מֶענְטְשִׁין וֶוען עֶר זָאל שׁוֹין אֲפִילוּ קוּמֶן צוּ דֶער מַעֲלָה אוּנ זָאל זַיין נְשָׁמָה וואול קְלָאר מַאכִין צוּ גָאט יִתְבָּרַךְ ואילו היה קרוב למלאכים אוּנ וֶוען עֶר זָאל שׁוֹין שִׁיר גְלַייךְ זַיין צוּ דִי מַלְאָכִים במדותם הטובות מִיט זֵייעֶרֶע גוּטֶע מִדּוֹת ומנהגיהם המשובחים אוּנ זֵייעֶרֶע גְלוֹבְּטֶע מִנְהָגִים והשתדלותם

בעבודת הבורא ואהבתם הזכה בו׳ אינם כזכיות מי שמורה בני אדם אל הדרך הטובה ומישר הרשעים אל עבודת הבורא שזכיותיו נכפלות בעבור זכיותם בכל הימים ובכל הזמנים · והמשל בזה משני סוחרים הגיעו אל המדינה הרויח אחד מהם בסחורה אחת שהיתה בידו עשרת כפלי הקרן והיה הכל מאה זוז · והרויח השני כפל אחת בלבד והיו לו סחורות רבות והגיעו לידו עשרת אלפי זוזים והיה ריוח הסוחר הראשון עם רוב כפלי הריוח תשעים זוז ועשרה חלקים מאחד עשר חלק ׃ בזוז והיה ריוח הסוחר השני חמשה אלפים זוזים עם מעוט כפל הריוח · וכן אחי מי שאין מתקן אלא נפשו בלבד תהיה זכותו מעוטה ומי שמתקן נפשו ונפשות רבות תכפול זכותו כפי זכיות כל מי שמתקן לאלהים כמ״ש רז״ל כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו׳ ואמרו

מרפא לנפש

אחרים לעולם הבא: בין ברכה כל׳ רכה ובין בלשון קשה: והיה ריוח הסוחר האחד תשעים זוז ועשרה חלקים כו׳ · רצה לומר שהקרן שלו היה תשעה זוז ועוד חלק אחד מן אחד עשר שבזוז וכאשר הרויח עשר כפלי הקרן היה לו בין הכל מאה זוז: וכן אחי מי שאין מתקן כו׳ · עיין לעיל בשער הבטחון בפירוש חלק השני שכתב שאין אדם ראוי לגמול העוה״ב ע״י מעשיו אם לא שהוא מזכה את הרבים לעבודת ה׳ או בתורת חסד ונדבה ע״ש באורך

בעבודת הבורא אונ מיט זייער פלייסן אין די דינסט פון דעם בשעפר ואהבתם הזכה בו אונ זייערע ריינע ליבשאפט וואש זיי האבן צו אים פון דעסט וועגן אינם זיינן דיא זכיות אונ גוטש וואש ער האט גטאן פארט ניט גלייך כזכיות מי שמורה בני אדם אזו וויא די זכיות פון דעם וואש לערינט אונ ווייזט די לייט אל הדרך הטובה צום גוטן וועג ומישר הרשעים אל עבודת הבורא אונ פירט די רשעים צו דער דינסט פון דעם בשעפר שזכיותיו נכפלות בעבור זכיותם ווארום זיינע זכיות ווערין אין אלע טעג אונ אלע צייט גיטאפלט פון וועגן זייערע זכיות כלומר וויל ער האט זייא דער צוא גבראכט זיי זאלין דינן גאט דרום טאפלט מען אים זיינע זכיות והמשל בזה אונ דאש גלייכנעש איז דרינן משני סוחרים הגיעו אל המדינה אזו וויא צווייא סוחרים וואש זיינן גקומן אין איין מדינה ארייין הרויח אחד מהם האט איינר פון זיי גוואונן מסחורה אחת שהיתה בידו מיט איין סחורה וואש ער האט מיט זיך גיבראכט האט ער דערינען גוואונן עשרה כפלי הקרן צעהן מאל אזו פיל אז דאש קרן האט אן גטראפן והיה הכל מאה זוז אונ דאש קרן מיט די רווחים האט מיט אלימען אן גיטראפין הונדערט גילדין והרויח השני כפל אחת בלבד אונ דר אנדרר האט נאר גוואונן איין מאל אזו פיל וויא פיל דאש קרן האט אן גיטראפין והיו לו סחורות רבות אונ ער האט אבר גיהאט פיל סחורות והגיעו לידו עשרת אלפים זוזים האט ער גיקריגן צעהן טויזינט גילדן והיה ריוח הסוחר הראשון עם רוב כפלי הרויח נמצא דער רוח פון דעם ערשטין סוחר מיט אלע זיינע פיל טאפיל רווחים וואש ער האט גיהאט האט עש אן גיטראפין תשעים זוז ניינציג גילדן ועשרה חלקים אונ צעהן חלקים מאחד עשר חלק בזוז פון עלף חלקים פון איין גילדן ווארום ער האט גיהאט קרן ניין גילדין מיט איין עלפט חלק גילדין היינט אז ער האט נאך צעהן מאל אזו פיל גיוואונן האט ער גיוואונן ניינציג גילדין אונ צעהן חלקים גילדן איז גיווארין מיט אלמין הונדרט גילדן והיה ריוח הסוחר השני אונ דר רוח פון דעם אנדערין סוחר איז גיוועזן חמשה אלפים זוזים פינף טויזינט גילדין עם מיעוט כפל הריות תאמשי ער האט ווייניג טאפל פאר דינט כלומר האטשע ער האט נאר איין מאל טאפיל פאר דינט וכן אחי אונ אזו אויך איז מיין ברודר מי שאין מתקן אלא נפשו בלבד דער וואש איז מער ניט מתקן נאר זיך אליין איז ער זייער גוט אונ לערינט ניט צו אנדרע דעם גוטין וועג תהיה זכותו מעוטה טוט זיין זכות ווייניג זיין ומי שמתקן נפשו ונפשות רבות אבר דער וואש ער איז מתקן זיך זעלבסט אונ אנדערע פיל מענטשין דאש הייסט ער איז אליין פרום אונ לערינט אנדרע אויך דעם גוטען וועג תכפל זכותו ווערט זיין זכות פאר טאפילט כפי זכיות כל מי שמתקן לאלהים נאך דעם גוטש נאך וואש אנדרע האבן דורך אים גאטש וועגן אזו וויא אונזערע חכמים ז״ל האבן גיזאגט

כל

משה זכה וזכה את הרבים זכות הרבים תלוי בו שנאמר (דברים לג) צדקת ה' עשה ומשפטיו עם ישראל · ואמר (משלי כד) ולמוכיחים ינעם ועליהם תבא ברכת טוב ואמר (מלאכי ב) תורת אמת היתה בפיהו וגו' ואמר (דניאל יב) ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד· ועל כן צוה הבורא להוכיח את המקצרים כמ"ש (ויקרא יט) הוכח תוכיח את עמיתך ואמרו ז"ל עד היכן היא תוכחה רב אמר עד קללה ושמואל אמר עד הכאה ונאמר (משלי כח) מוכיח אדם אחרי חן ימצא · ומהם שמחתו וגילתו בזכיותיו מפני שהוא שש בהם לא לגאוה ותפארת ואבלו ויגונו על חטאיו לתשובה מהם וחרטה עליהם· כמ"ש דוד (תהלים קיט) פלגי מים ירדו עיני על לא שמרו תורתך · ומהם שיתנפל

מרפא לנפש

הטעם: ואמר תורת אמת היתה בפיהו · ועולה לא נמצא בשפתיו בשלום ובמישור הלך אתי ורבים השיב מעון· כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו כי מלאך ה' צבאות הוא· ופי' רש"י על אהרן הכהן ועל פנחס ואלעזר נאמרה הפרשה שהיו מזכים את הרבים ואמרו בגמרא דסנהדרין דף כ"ז ע"ב וכשלו איש באחיו בעון אחיו מלמד שכולם ערבים זה בזה ומוקי לה התם שהיה בידם למחות ולא מיחו ע"ש ועיין בזוהר פ' תרומה דף קכ"ח ע"ב מגודל זכות המזכה את הרבים וז"ל בקיצור הא חזי כל מאן דאחיד בידא דחייבא ותב לגביה למשבק ארחא בישא איהו אסתלק בתלת סילוקין מה דלא אסתלק הכי בר נש אחרא גרים לאכפיא (ס"א וגרים לקיימא) כל עלמא בקיומיה דלעילא ותתא ועל האי בר נש כתיב בריתי היתה אתו החיים והשלום וזכי למחמי בנין לבנוי וזכי בהאי עלמא וזכי לעלמא דאתי וכל מארי דינין לא יכלין למידן ליה בהאי עלמא ובעלמא דאתי עאל בתליסר תרעי ולית מאן דימחי בידיה וע"ד כתיב גבור בארץ יהיה זרעו וגומר כל הפרשה עכ"ל ע"ש באורך: ומהם שמחתו וגילתו בזכיותיו כו'· מפני שנתקרב אל ה': ואבלו ויגונו על חטאיו· הוא ע"ד שכתב פ"ד משער הט'

כל המזכה את הרבים איטליכער וואש מאכט אז אנדערע לייט זאלין גוטש טאן אין חטא בא על ידו דעם קומט קיין עבירה ניט צוא האנדין ואמרו משה זכה וזכה את הרבים אונ זייא האבין נאך גיזאגט משה איז פרום גיוועזן אונ האט נאך פיל לייט פרום גימאכט זכות הרבים תלוי בו איז דער זכות פון דיא לייט אין אים אן גיהאנגען שנאמר ווארום עש שטייט אין פסוק צדקת ה' עשה ער האט גיטאן דיא גירעכטיקייט פון גאט ומשפטיו עם ישראל אונ זיין גיריכט האט ער גלערינט מיט דיא ישראל אין (משלי) שטייט ולמוכיחים ינעם אונ צוא דיא וואש שטראפין לייט זייא זאלין גיין אין דעם גוטן וועג וועט ער געבין זיסקייט ועליהם תבא ברכת טוב אונ אויף זייא וועט קומען גוטע ברכות אונ אין (דניאל) שטייט ומצדיקי הרבים אונ אין די וואש מאכין גירעכט פיל לייט דיא וועלין לייכטין ככוכבים לעולם ועד אזו וויא די שטערין אימער אונ אייביג ועל כן צוה הבורא להוכיח את המקצרים אונ דרום האט דר בשעפר גיבאטין אזו מען זאל שטראפין צו די וואש קירצין אין זיין דינסט כלומר וואש זייא דינען אים ניט רעכט אזו וויא עש שטייט אין (ויקרא) הוכח תוכיח את עמיתך דוא זאלשט שטראפין דיין גיזעלין ואמרו האבן אונזרע חכמים ז"ל גיזאגט עד היכן היא תוכחה ביז וואנן איז מען אלק'חייב איינעם צוא שטראפין רב אמר עד קללה רב האט גיזאגט ביז יענר פלוכט אים דער פר וואש ער שטראפט אים דענמאלט איז ער שוין פטור אים צוא שטראפין ושמואל אמר אונ שמואל האט גיזאגט עד הכאה ביז יענר שלאגט אים פאר דעם וואש ער שטראפט אים אונ אין (משלי) שטייט מוכיח אדם דער וואש ער שטראפט איינם אחרי חן ימצא דער וועט דער נאך ליבשאפט בייא אים גיפינען ומהם אונ אויך זיינען פון דיא סימנים וואש מען קאן וויסן אין איינעם אויב ער האט ליבשאפט צוא גאט שמחתו וגילתו בזכיותיו אז ער פרייעט זיך מיט זיינע זכיות אונ גוטש וואש ער טוט מפני שהוא שש בהם ווייל ער פרייעט זיך מיט זייא לא לגאוה ותפארת ניט פון גאוה וועגין אונ צוא בארימען זיך נאר ער פרייט זיך דרום ווייל ער איז גינעהנט גיווארין צוא גאט דורך דיא גוטע מעשים ואבלו ויגונו על חטאיו לתשובה מהם אונ איז טרויעריג אונ בזארגט איבער זיינע זינד וואש ער וואלט גערין תשובה דרויף גיטאן וחרטה עליהם אונ האט חרטה אויף דער וואש ער האט זייא גיטאן אזו וויא דוד המלך עליו השלום האט גיזאגט פלגי מים ירדו עיני בעך וויים וואשר טוען נידערין מיינע אויגין

וכו'

בלילה ויתענה ביום אם יהיה יכול לסבול זה כי תפלת הלילה יותר היא זכה מתפלת היום לכמה פנים · מהם כי האדם בלילה יותר פנוי ממה שהוא ביום · ומהם שתאות הגוף מהמאכל והמשתה יותר נחים בלילה ממה שהם נחים ביום · ומהם הפסק חברה בינו ובין ב״א כאוהב יבקרהו · וחבר ידבר עמו · ובעל חוב יתבעהו במה שיש לו עליו · ומהם נוח חושיו מרוב מוחשיו בלילה מפני שאינו רואה מה שיטרידהו ולא שומע מה שיפסיק עליו · ומהם המלטו מן החנופה ורחקו ממנה מפני מעוט היושבים עמו בלילה ואפשר שלא יוכל להתבודד ביום · ומהם שיתיחד בזכר האלהים ויתבודד בו בעת התיחד כל אוהב באוהבו והתבודד כל חושק עם חשוקו כמ״ש (ישעיה כו) נפשי אויתיך בלילה וגו׳ · ואמר (שיר השירים ג) על משכבי בלילות · וכבר נזכר יתרון תפלת

מרפא לנפש

ספרום להלתו בפניו ואכלו בלבו ע״ש: על לא שמרו תורתך · התוכחה המגלה בספר שבט מוסר פ״ז:

וכו׳ ומהם אונ פון די סימנים איז שיתנפל בלילה אז ער װעט תפלה טאן ביא נאכט ויתענה ביום אונ װעט פאסטין ביא טאג אם יהיה יכול לסבול אויב ער װעט עש קאנען אויש שטיין כי תפלת הלילה יותר היא זכה מתפלת היום װארום דיא תפלה פון ביא נאכט איז בעסער אונ קלערער פון דיא תפלה פון ביא טאג לכמה פנים פון פיל טעמים װעגין מהם פון דיא טעמים זיינען כי האדם בלילה יותר פנוי ממה שהוא ביום װארום א מענטש האט ביא נאכט מער צייט אז ביא טאג ומהם אונ פון דיא טעמים זיינען שתאות הגוף מהמאכל והמשתה װייל דיא גילוסטיקייט פון דעם גוף פון עסין אונ טרינקען יותר נחים בלילה דיא רוען ביא נאכט מער ממה שהם נחים ביום פון דעם װאש זייא רוען ביא טאג ומהם אונ פון דיא טעמים זיינען אויך הפסק חברה בינו ובין בני אדם װארום דיא חברותה װאש ער האט מיט דיא מענטשין קאנען אים ביא טאג מפסיק זיין פון זיין תפלה כאוהב יבקרהו דאש אפט זיינער אגוטער פריינד קומט צו אים זעהן װאש ער טוט וחבר ידבר עמו אדער זיין חבר װעט קומען עפים מיט אים ריידין ובעל חוב יתבעהו במה שיש לו עליו אדער זיין בעל חוב װעט אים מאנען װאש ער איז אים שולדיג אבר ביא נאכט איז אים קיינער ניט מפסיק פון זיין תפלה ומהם נוח חושיו מרוב מוחשיו בלילה אונ אויך ביא נאכט רוען זיינע חושים פון זיינע פיל זארג מפני שאינו רואה מה שיטרידהו װייל ער זעהט ניט פר זיך װעלכש עש זאל אים טרוד מאכין ולא שומע מה שיפסיק עליו אונ ער הערט ניט קיין שום זאך װאש עס קאן אים פון זיין תפלה מפסיק זיין אבער ביא טאג דאש הערט ער אז אויף דעם ארט איז דא איין פאר דינסט אדר ער זעהט װיא יענר פאר דינט אדער עש פאלט אויף אים דאגות פרנסה קאן דאש אים אלץ מפסיק מאכין פון זיין תפלה ומהם המלטו מן החנופה אויך אז ער טוט תפלה ביא נאכט װערט ער אנטרונן פון חניפה ורחקו ממנו אונ װערט דער װייטערט פון איר כלומר ער טוט דיא תפלה בװדאי ניט פון לייטן װעגין מפני מיעוט היושבים עמו בלילה װייל ביא נאכט זיצן װייניג לייט ביי אים · נאר לאז ער ביי טאג אויך תפלה טאן אויף אזו איין ארט װאו קיין לייט זיינען ניט פר האנדן ענפערט דער מחבר דרויף ואפשר שלא יוכל להתבודד ביום אונ עש קאן אבר זיין אז ביי טאג זאל ער ניט קאנען אליין זיין בשעת אז ער טוט תפלה ומהם שיתיחד אונ אויך װעט ער זיך פר איינגן בזכר האלהים אין דעם דר מאנונג פון גאט ויתבודד בו אונ װעט ניט גדיינקן אין קיינעם נאר אין אים אליין בעת התיחד כל אוהב באוהבו אין דר צייט אז איטליכר פריינד פר איינגט זיך מיט דעם װאש ער האט ליב והתבודד כל חושק עם חשוקו אונ איטליכר פר איינגט זיך מיט דעם װאש ער גלוסט דער צו כלומר װייל ביא נאכט איז די צייט װאש איטליכר פר איינגט זיך מיט זיין פריינד אונ מיט דעם װאש ער גלוסט דרום זאל ער זיך פאר איינגען דערמאנט מיט דעם דר מאנונג פון גאט צו װייזן אז ער גלוסט נאר צוא גאט אונ נאר אים האט ער ליב אזו װיא

עש

הלילה בספרי הקדש הרבה · מהם מה שאמר דוד ע"ה (תהלים קיט) זכרתי בלילה שמך ה' (שם) חצות לילה אקום להודות לך (שם) קדמתי בנשף ואשועה (שם) קדמו עיני אשמורות (שם פח) יום צעקתי בלילה · והרבה כזה ונאמר (איכה ג) קומי רוני בלילה · וכבר חברתי דברים נמרצים יש בהם תוכחת והכלם לנפש ותחרץ בעבורה ותתעורר לתפלה בלילה· והם בלשון עברית וקראתים תוכחה ואח"כ סמכתי להם דברים צחים בלשון העברית כשבח והודאה לאל ובקשת מחילה ותחנונים דברים רכים מעירים לב המתפלל ומעוררים את טבעו וקראתים בקשה · וכתבתים בסוף הספר הזה למי שרוצה להתנפל בהם לילה או יום ומי שקבל על עצמו זה הענין ינהג בתוכחה שיתפלל אותה בישיבה אחר שיקדים מה שיזדמן מן הזמירות הידועות או זולתם לפניה ואחר כך יתפלל הבקשה בעמידה והשתחויה עד סופה ויכרע ויאמר מה שירצה מן התחנונים

עש שטייט אין (ישעיה) נפשי אויתיך בלילה מיין זייל גלוסט צו דיר ביי נאכט אונ אין שיר השירים שטייט על משכבי בלילות אויף מיין גלעגר ביי נאכט האב איך בגערט צו גאט וואש מיין לייב האט אים ליב וכבר נזכר יתרון תפלת הלילה אונ דיא מעלה וואש דיא תפלה האט וואש מען טוט בייא נאכט דאש איז שוין גדאכט בספרי הקדש הרבה אין דיא היילגע ספרים פיל מאל מהם פון זיי איז וואש דוד המלך עליו השלום האט גזאגט אין תהלים זכרתי בלילה שמך ה' איך האב ביי נאכט גדאכט אין דיין נאמן דוא גאט אונ ווייטר שטייט חצות לילה אקום להודות לך האלבע נאכט וועל איך אויף שטיין צו לויבן דיך אויך שטייט קדמתי בנשף ואשועה איך האב מיך גפעדרט אין אבינט אונ האב גבעטן צו גאט אונ אויך שטייט קדמו עיני אשמורות מיינע אויגן האבן זיך גפעדרט אויף צו שטיין צווייא אשמורת פר טאג והרבה כזה אונ פיל פסוקים איז פר האנדן זעלכע גלייכן זאגט דר מחבר וכבר חברתי דברים נמרצים אונ איך האב שוין לאנג אויף גשריבן שטארקע שטראף רייד יש בהם תוכחת והכלם לנפש וואש אין זייא איז פאר האנדין שטראף רייד אונ פאר שעמונג צו דער נשמה כלומר דר וואש ווערט זאגן דיא תוכחה ווערט דורך איר גשטראפט אונ פאר שעמט ווערין ותחרץ בעבורה אונ פון ווענין דעם ווערט זיך פלייסין דאש נפש ותתעורר אונ ווערט זיך דער וועקין לתפלה בלילה צוא תפלה טאן בייא נאכט והם בלשון עברית אונ איך האב זייא גשטעלט אויף לשון עברי וקראתים תוכחה אונ האב זיי גרופין תוכחה כלומר אטליכר ספר האט דאך איין נאמין וויא מען רופט אים אזוא וויא דעם ספר רופט מען חובות הלבבות דרום זאגט דער מחבר אונ די שטראף רייד וואש איך האב גשריבן האב איך אן גירופין דער פון דעם נאמן תוכחה ואח"כ סמכתי להם אונ דער נאך האב איך דר בייא גשטעלט דברים צחים בלשון העברית אויף לשון עברי לויטערע אונ קלארע רייד בשבח והודאה לאל וואש דארט שטייט פון לויבן אונ דאנקען צוא גאט ובקשת מחילה אונ וויא מען זאל בעטין אים ער זאל די זינד מוחל זיין ותחנונים אונ נאך גיבעט דברים רכים ווייכע רייד מעירים לב המתפלל וואש דר וועקין דאש הארץ פון דעם וואש ער טוט תפלה ומעוררים את טבעו אונ זייא דר וועקין זיין טבע וקראתיה אונ דאש האב איך אן גרופן בקשה ומי שקבל על עצמו זה הענין אונ דר וואש נעמט די זאך אויף זיך פון בייא נאכט תפלה צו טאן אונ צו זאגין די תוכחה אונ דיא בקשה ינהג זאל ער זיך אזו נוהג זיין בתוכחה שיתפלל אותה בישיבה אז ער זאל די תוכחה מתפלל זיין זיצינדיג אחר שיקדים בנפשו מה שיזדמן מן הזמירות הידועות אז ער ווערט פר דעם זאגן דיא זמירות וואש איטליכער ווייסט או זולתם אדר אנדרע שבחים לפניה זאל ער דאש זאגין פאר דער תוכחה אונ דער נאך זאל ער זאגין די תוכחה ואחר כך יתפלל הבקשה בעמידה אונ דער נאך זאל ער מתפלל זיין דיא בקשה שטייענדיג והשתחויה אונ בוקנדיג עד סופה ביז צום סוף דאש הייסט ביז ער ווערט זיא אויש זאגין אין גאנצין ויכרע ויאמר מה שירצה מן התחנונים אונ זאל זיך בוקן אונ זאל זאגין וואש פר

ויאמר סמוך לזה אשרי תמימי דרך ושיר המעלות עד סופם · ואם יבחר בזולתם מן הדברים וזולת הסדר הזה הרשות בידו·אך זכרתי לך הטוב שבמנהגים בה·ועיקר הדבר אחי בזוך נפשך בעת שתתפלל אותה וכוונת לבך בה ושתסדרנה לאט (ס"א במתון) עם הסמוך לה ואל יקדים בה לשונך את לבך כי המעט ממנה עם המצא לבך בו · טוב ממהירות תנועות לשונך ברב ממנה כשיהיה לבך ריק ממנה·ואמר אחד מן החסידים אל תשבחו שבח ריקם ריק ממצוא הלב בו אבל יהיה בהמצא הלב כמ"ש דוד ע"ה (תהלים קיט) בכל לבי דרשתיך וגו' ואמר (שם) חליתי פניך בכל לב ואמר (שם פד) לבי ובשרי ירננו אל אל חי · ומהם השמחה והששון באלהים יתעלה ובידיעתו והכוסף לרצונו והגילה בתורתו והחמלה על יראיו כמ"ש (שם קיט) חבר אני לכל אשר יראוך ואמר (שם

מרפא לנפש

ועיקר הדבר אחי בזוך נפשך · ר"ל עיקר הכל היסיס כוונתך הס זך ונקי בעת כו': אל תשבחו שבח ריקם · היינו ריק שלא נמלא הלב בו: ומהם · מאותות האהבה באלהים השמחה כמו שכתבתי לעיל עדות האר"י על עצמו ע"ה:

